פרעגט: וואָס טוט דיר וויי? און ער ענטפערט: ס'טוט נישט וויי. וואָס־זשע ליגסטו ווי אַ שלאָפער? און ער זאָגט: כ'האָב נישט קיין כוח. ווי קאָנסטו האָבן כוח, רעדט זי, אַז דו עסט ווי אַ פייגעלע. זאָגט ער: כ'האָב נישט קיין אַפּעטיט. וואָס זאָל איך אייך דאָ ברייען? אַלע זעען, אַז דער מאָטיע גייט־איין. ער צאַנקט ווי אַ ליכט. די מאָטיעכע האָט אים געוואָלט שיקן קיין לובלין צו די דאָקטוירים, נאָר ער וויל נישט פאָרן. די מאָטיעכע נעמט יאָמערן און ביטערן: וואָס וועט זיין פון מיר? אויף וועמען לאָזטו מיך איבער? און ער ענטפערט: וועסט חתונה האָבן מיט דעם גרויסן. גזלן, רוצח, שרייט זי, ביזט מיר טייערער פון אַלע גרויסע. וואָס פייניקסטו מיך? כ'האָב געמאַכט אַ ווערטל. ס'איז אַלץ געווען פון ליבשאַפט. דו ביזט מיין מאַן, מיין קינד, אַלץ אין דער וועלט. אָן דיר איז מיין לעבן נישט ווערט קיין שישקע פולווער. אָבער ער זאָגט: איך בין אַ טרוקענער בוים. מיט אים וועסטו האָבן קינדער.

כ'זאָל וועלן אַלץ אויסדערציילן, וואָלט איך געדאַרפט דאָ זיצן טאָג און נאַכט. באַלעבאַטים קומען און רעדן צו אים. דער רב קומט אים מבקר־חולה־זיין. וואָס האָט איר זיך עפּעס אַריינגענומען אַ משוגעת אין מוח? ס'איז גאָט'ס וועלט. אָבער ער מאַכט זיך תמ'עוואַטע. אַז די מאָטיעכע האָט געזען ס'איז שלעכט, האָט זי געמאַכט אַ גוואַלד אויף דעם מענטש ער זאָל אַוועק פון איר שטוב. אָבער מאָטיע זאָגט: ניין, ער בלייבט דאָ. ווי לאַנג כ'ציִ דעם אָטעם, בין איך דער באַלעבאָס. ער איז פונדעסטוועגן אַוועק נעכטיקן אין גאַסט־הויז, אָבער אינדערפרי קומט ער צוריק און ער איז שוין דער גאַנצער סוחר. אַלץ איז אין זיינע הענט: דאָס געלט, די שליסלען, יעדעס קריש. מאָטיע האָט קיינמאָל גאָרנישט פאַרשריבן, אָבער ער פאַרשרייבט אַלץ אין אַ לאַנג בוך. ער איז קאַרג אויך. די מאָטיעכע פאַרלאַנגט אויף דער ווירטשאַפט און ער הייסט זיך אויסרעכענען יעדעס פיצל. ער רעכנט איר צו אויפן קווינט און אויפן לויט. זי שרייט: איר זענט אַ פרעמדער און ס'איז נישט אייער עסק, גייט צו אַלדי שוואַרץ יאָר, רויבער, מערדער, גזלן פון וואַלד. אָבער ער ענטפערט: אַז אייער מאַן וועט מיך אָפּשאַפן, וועל איך גיין. ס'רוב זאָגט ער גאָרנישט, נאָר ער מרוקעט ווי אַ בער.

ווי לאַנג ס'איז געווען זומער האָט דער קליינער מאָטיע זיך נאָך געהאַלטן אויף די פיס. ער האָט אַפילו געפאַסט יום־כפור. אָבער באַלד נאָך סוכות איז ער געוואָרן אויס מענטש. ער ליגט שוין צובעט און שטייט נישט אויף. די מאָטיעכע האָט געבראַכט פון זאַמאָשטש אַ דאָקטאָר, אָבער ער קאָן אים נישט העלפן. זי גייט צו כישוף־מאַכערינס, מעסט קברים, שיקט שליחים צו גוטע יידן, נאָר דער מאָטיע ווערט שוואַכער פון טאָג צו טאָג. ער ליגט און קוקט אויף דער סטעליע. מ'מוז אים שוין אָנטאָן אינדערפרי טלית־און־תפילין, ווייל ר'האָט מער נישט קיין כוח אַליין אָנצוטאָן. עסן



עסט ער אַ לעפל האָבער־גריץ. ער מאַכט שוין נישט שבת קיין קידוש. דער גרויסער קומט פון שול, זאָגט שלום־עליכם, מאַכט קידוש.

ווען די מאָטיעכע האָט געזען צו וואָס ס'גייט, רופט זי אַריין דריי יידן. זיי קומען אַריין און זי נעמט אַרויס אַ חומש. זי וואַשט די הענט, הויבט־אויף דאָס חומש און טוט אַ געשריי: זייט עדות, איך שווער ביי דעם חומש און ביי גאָט דעם אלמעכטיקן אַז כ'וועל מיט דעם ייד נישט חתונה־האָבן כ'זאָל אַפילו בלייבן אַן אַלמנה ביז נײַנציק יאָר. און ווי זי זאָגט דאָס, טוט זי אויף דעם גרויסן אַ שפּיי. זי האָט אים אָנגעשפּיגן אַ פול פנים. ער ווישט זיך אָפּ מיט דער פאַטשיילע און גייט אַרויס. מאָטיע טוט אַ זאָג: ניש־קשה, מ'עט דיר מתיר־נדר־זיין...

ס'איז אַריבער אַ וואָך און מאָטיע גוסס'ט שוין. קורץ און גוט, ס'איז אויס מאָטיע. ער ליגט שוין אויף דער ערד מיט ליכט צוקאָפּנס און מיט די פיס צו דער טיר. די מאָטיעכע קנייפּט זיך די באַקן און ליאַרעמט: רוצח, האָסט דיך אַליין דער'הרג'עט. דו טאָרסט נישט קומען צו קבר ישראל. הינטערן פּלויט דאַרף מען דיך באַגראָבן! זי איז גאָרנישט געווען ביי די ריינע געדאַנקען. דער גרויסער האָט זיך ערגעץ אויסבאַהאַלטן און ער איז נישטאָ. חברה קדישא וויל געלט פאַר דער קרקע, אָבער די מאָטיעכע האָט נישט קיין גראָשן ביי דער נשמה. זי פאַר'משכנ'ט ס'צירונג. די לייט וואָס האָבן אים מטהר געווען, האָבן שפּעטער דערציילט, אַז ר'איז געווען קליין ווי אַ הינדל. כ'האָב געזען טראָגן די מיטה. אונטערן טוך האָט ער אויסגעקוקט ווי אַ דריי־יעריק קינד. אויפן טוך איז געלעגן די שופלע, וואָס דערמיט האָט ער אָנגעשאָטן תבואה. ר'האָט עס געהייסן לייגן דאָרט פאַר אַ סימן, אַז ער האָט געגעבן אַ גוטע מאָס. מ'האָט אויסגעגראָבן אַ קבר און אים מקבר געווען. פּלוצלונג וואַקסט אויס דער גרויסער ווי פון אונטער דער ערד. ער נעמט זאָגן קדיש און די אלמנה הוילט: מלאך המות, דו האָסט אים פון דער וועלט אומגעבראַכט! און זי וואַרפט זיך אויף אים מיט די פויסטן. מ'האָט זי קוים איינגעהאַלטן.

דער טאָג איז קליין, די נאַכט פאַלט־צו, די מאָטיעכע זעצט זיך שבעה, און דער גרויסער שמייעט אַרום אין הויף. ער טראָגט, שלעפּט, פאַרעט זיך, ער שיקט אַריין מיט אַ יינגל דער אַלמנה אַ פּאָר פייעם פאַר איר אויסקומעניש. אַזוי טאָג נאָך טאָג. קהל לייגט זיך אַריין און מ'רופט אים צום רב. סטייטש, אַזוי און אַזוי, וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט? איז, פריער שווייגט ער ווי נישט אים מיינט מען. דערנאָך נעמט ער אַרויס פון בוזעם־קעשענע אַן אַקט און וויזט: מאָטיע האָט אים געמאַכט פאַרן אַפּוטרופּוס איבער דעם גאַנצן האָב־און־גוטס. דעם ווייב האָט ער בלויז איבערגעלאָזט די בעבעכעס. אַז מ'האָט איבערגעלייענט דעם אַקט, איז אַלעמען באַפאַלן אַ שרעק. ווי פאַלט ער עפּעס אויס צו טאָן אַזאַ זאַך? — פרעגט דער רב.